LAND un LEBN

פרייז 50 גר.

Opłata pocztowa
uiszczona ryczałtem

# לאנד און לעבן

אָרגאַן פון דער יידישער געזעלשאפט פאַר לאנד-וויסנשאפט

אונטער דער הויפט-רעדאַקציע פון ד"ר י. לייפונער

רעדאקציע-קאָלעגיום: דובראָוויטש אל., ויידעגגארט ה., לייפונער י. ד"ר.

Nr. 3–4 (4–5) | װאַרשע, מערץ–אַפּריל 1928 | 2-טער יאָרגאַנג

## אינהאלט:

א סיום הספר אין א פויליש שטעטל . . . ד"ר י. לייפונער
אונזער אויספלוג קיין זאַקאָפּאַנע . . . . ש. א. ווייספאַטער
מיין רייזע קיין ארץ-ישראל, עגיפטן און איטאַליע ד"ר י. לייפונער
זומער-אָפּרו אין יידישע גיטער . . . אַגראָנאָם ז. לעווין
דער געצנדינער (פויליש: ה. ש.) . . . . . י. אָפּאַטאָשו
אַפריקאַ . . . . . . . . . ש. א. ווייספאַטער
די געביידע פון דער פרעסע-אויסשטעלונג (אילוסטראציעס)
לאַנדוויסנשאַפטלעכע כראָניק . . . . . . . . . . .
כראָניק פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-וויסנשאַפט
. . פון רעדאַקציע . . . . . . . . אַנאָנסן .

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
װאַרשע, אָגראָדאָוואַ 8a,
טעל. 01-51

די רעדאַקציע איז טעטיק זונטיק
און מאָנטיק פון 8—10 אָוונט.

פאָסט-טשעק-
קאָנטאָ
אין
פ. ק. אָ.
16.777

אַנאָנסן-פרייז:
א זייט 120 זל., א האַלבע—70 זל.,
א פערטל—50 זל., אַן אכטל—15 זל.

אַבאָנאַמענטס-פרייז:
א פערטל יאָר: אין װאַרשע 1.20 זל.
אויף פראָווינץ — 1.40 זל.

# לאַנד און לעבן

2 יאָרגאנג   1928 / מערץ–אַפּריל / וואַרשע   Nr. 3–4 (4–5)



וואַרשע



ד"ר י. לייפּונער

Dr. J. Lejpuner


## א סיום-הספר אין א פּויליש שטעטל

## Uroczyste przenoszenie nowej Tory do Synagogi

אין דאס רוב פּוילישע שטעטלעך קאָן מען זיך נאָך היינט אנשטויסן אָן מנהגים און בילדער פונם יידישן לעבן, וועלכע טראָגן אונז אריבער אין דער ווייטער פארגאנגענהייט. די דאָזיקע מנהגים זענען פון דור דורות געבליבן אָן שום ענדערונג ביז צום היינטיקן טאָג.

עס איז מיר פאראיארן אויסגעקומען צו זיין עטלעכע טעג אין יענ...., קיעלצער קאַנט. געקומען בין איך אהין מיט דער באן. א געוויסן זונטיק אינדערפרי. יענ... איז א קליין שטעטל מיט קרוב 6 אָדער 8 טויזנט איינוואוינער, מיט עלעקטריש ליכט, מיט ברוקירטע גאסן — מיט איין וואָרט אין ערשטן אויגנבליק מאכט דאס שטעטל נישט דעם איינדרוק פון א פארוואָרפענעם ווינקל.

באלד נאָכן קומען אהין, האב איך מיך תיכף געלעגט אויסרוען אביסל. נישט לאנג האב איך גערוט, מחמת עס האָט מיך פּלוצים אויפגעוועקט א גערודער אין גאס, ריכטיקער אויפן באַזאר, וואו די פענסטער פון מיין צימער זענען ארויסגעגאנגען, איך האב מיך א ריס געטון פון מיין געלעגער, ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און דערזען פון דערווייטנס עפּעס א פּראָצעסיע מיט פענער, טראנספּארענטן. תּחילת האָב איך געמיינט, אז דאס איז א קריסטלעכע, רעליגיעזע פּראצעסיע (ס'איז, ווי געזאָגט, געווען זונטיק). אָבער ניין! דאכט זיך, אז איך זע בלוי-ווייסע פענער, טראנספּעראַנטן מיט יידישע אויפשריפטן, וואָס איז דאָס דא געשען? איך טו מיך שנעל אָן, איך גיי ארויס אין גאס און דאָ איז פאר מיר די מעשה קלאָר געוואָרן: היינט קומט פאר א סיום-הספר, וועלכן א היגער גביר האט געלאָזט שרייבן פאר דער שול. און בעת א סיום-הספר איז א גרויסער יום-טוב אין שטעטל. איך גיי צו נענטער און זע אזא בילד: פון פאָרנט גייען א חברה בחורים יום-טובדיק אָנגעטאָן און טראָגן טראנספּעראַנטן מיט פארשידענע העברעישע און יידישע אויפשריפטן, הינטער זיי ציט זיך א גרויסע שורה יידישע רייטער (דאָ מוז איך באמערקן, אז בעת אזא יום-טוב שטעלן אלע פורמאנעס זייערע פערד אין רשות פון דעם סיום-קאָמיטעט), אלע פארמאסקירטע און אין פארשידענע מלבושים: א טייל רייטער זענען געווען אָנגעטאָן אין פויערשע „סוקמאנעס" (אזוי ווי קראקאָוויאקעס) מיט קאנפעדעראטקעס אויף די קעפּ, אנדערע ווידער האָבן זיך איבערגעטאָן ווי אלט-פּוילישע אולאנער, הוזארן, אנדערע האָבן אנגעטאָן סתם פארשידנפארביקע מלבושים (אפילו טישטוכער) און האָבן באשמירט זייערע פּנימער מיט פארשידענע פארבן... אָן דער שפּיץ פון דער אָריגינעלער קאוולקאדע איז געריטן אויף א קליין ווייס פערדל א שווארץ יידל, אָנגעטון אין א שווארצן ראָק, שווארצע הויזן מיט ברייטע רויטע פּאסן (?), מיט א פּאפּירענעם צילינדער אויפן קאָפּ, אויפן צילינדער איז געווען אויסגעמאָלט א מגן-דוד. דער דאָזיקער אָנפירער האָט געהאלטן א נאהייקע אין האנד און האָט קאָמאנדעוועט!

Carnival atmosphere costumes

כמעט אין משך פונם גאנצן טאָג איז די עקזאָטישע פּראצעסיע געגאנגען מיט התקוה-געזאנג דורך אלע גאסן עטלעכע מאָל איז זי צוריקגעגאנגען צום סופר כדי זיך צו דערוויסן, ווי ווייט עס האלט מיטן ענדיקן שרייבן דעם ספר. עס איז ווערט צו באמערקן, אז די קריסטלעכע באפעלקערונג האט זיך צו דעם גאנצן יידיש-רעליגיעזן יום-טוב באצויגן מיט גרויס רעספּעקט. אין אָוונט האט מען מיט גרויס פּאראד געבראכט דעם

ספר צום גביר אין שטוב אריין, וואו ס'איז פאר-
געקומען דער סיום. ווען די צערמאניע האט זיך
געענדיקט, האט מען געבראכט א חופה, מען
האט אנגעצונדן פיל לאמטערנעס און פייערן (דרך
אגב איז דאס גאנצע שטעטל געווען אילומינירט)
און מען האט מיט געזאנג אוועקגעטראגן דעם
ספר אונטער דער חופה אין שול אריין. עס איז
באמת געווען א וואונדערבאר שען בילד: דער
מאיעסטאט פון דער תורה האט פארייניקט דעם
גביר מיטן ארימאן, דעם יחסן מיט דעם פשוטן
מענטשן.

נאכדעם האט זיך א גרויסער עולם (צווישן די
פארבעטענע געסט בין איך אויך געווען), פאר-
זאמלט אין אלע שטובן ביים גביר! פיל טישן
זענען געווען געדעקט, — מען האט זיך מכבד
געווען מיט כל טוב כיד המלך. מען האט זיך
געוויילט, געזונגען, זיך געוויצלט, געטאנצט ביז
שפעט אין דער נאכט אריין.

א טיפן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט
דער אריגינעלער, ריין-פאטריארכאליש יידישער
יום-טוב.

ווי מען האט מיר שפעטער דערציילט,
קומט אזוינס פאר אין יעדן שטעטל אין פוילן.

Przenoszenie nowej Tory do synagogi odbywa się do dziś dnia bardzo uroczyście. Ceremonia ta, nosi charakter procesji, w której cała ludność żydowska bierze udział.

Bardzo wiele osób przebiera się w różnobarwne egzotyczne stroje; niektórzy na koniach w mundurach wojskowych; i tak odbywa się przenoszenie nowo-napisanej Tory do synagogi.

S. A. Wajsfater

ש. א. ווייספאטער

# אונזער אויספלוג קיין זאקאפאנע

## Nasza wycieczka do Zakopanego

ביי דעם וואסער-פאל פון מיצקיעוויטש בלייבן
מיר שטיין א קורצע ווײַלע: זאל דער בליק זיך
אויסרוען אויף איין פאנאראמע; און וואס פארא
פאנאראמע!... מיר שטייען אויף א בריקל: פון
דער רעכטער זייט פאלט דער וואסער-פאל פון
צווישן בערג צו אונז אראפ, בילדנדיק א פיר-
פינף טאראסן; דאס וואסער פאלט אראפ מיט א
פארעקשנטער קראפט, צעקלאפט זיך ביי א טאראס,
ברויזט אויף און גייט רויק א שטיקל ארט ווייטער
ביז א נייעם טאראס... עס קאכט און רוישט...
דאס אויג בלייבט ווי צוגעשמידט און דאס אויער
הארכט זיך איין אין דעם אומאויפהערלעכן, איינ-
טאניקן קלאפן פון וואסער; אומבאמערקט ווערט
מען ווי איינגעוויגט פון דעם גערויש; דאס בא-
וואוסטזיין ווערט ווי אפגעשפאנט אויף א רגע,
און דאן כאפט מען זיך צוריק און מען פילט זיך
ווי אויפגעוואכט פון א קורצן, זיסן דרימל...

אויף לינקס פאלט דאס וואסער פון אונז
ווייטער אראפ; דא זעט דאס בילד אויס מילדער
און רויקער; דא קוקט מען פון אויבן. באהערשט
ווערט איר נישט: איר קוקט, שטוינט און בלייבט
וואך. —

●

מיר זעצן זיך צוריק יעדער אין זיין שליטן,
טוליען זיך ווידער, נאר דערוואַרעמען ווען מיר
זיך שוין נישט: די איינציקע האפנונג איז יעצט
וואס שנעלער אנקומען אין „מארסקיע אקא" און
צוכאפן זיך צום אויוון.

●

און איבערצייגט האב איך זיך, אז איך בין
נישט דער איינציקער, וואס „מארסקע אקא" איז
ביי אים דער טפל געווארן און דער עיקר איז
געבליבן דערווארעמען זיך, אויסטרינקען א גלאז
ווארעמס און סתם אפרוען.

די „בודע" איז פול, נישטא וואו א שפיל-
קע צו ווארפן; מיט נסים דערכאפן מיר זיך צו
א טישל און... אט זענען מיר אין „מארסקע אקא",
טאקע אט דא ביי די טישלעך, ביי דעם בופעט.

קיינעם פאלט נישט איין א בליק צו טון
דרויסן, צו דעם „כלומרשטן" „מארסקע אקא"; צו
וואס ארויסקוקן, אז מיר ווארעמען און זעטיקן
זיך דא ביי דעם עכטן „מארסקע אקא". —

מיר זיצן אַזוי אין דעם הו-האַ אַ האַלבע שעה און עס פּאַרפעסטיקט זיך אין מיר דער איינדרוק, אַז די אַלע מענטשן זענען געפאָרן דרייסיק קילאָמעטער, כדי דאָ זיך אַרײַנצוכאַפּן, דערוואַרעמען און כאַפּן אַ כוסה און מער גייט זיי נישט אָן. איך באַמערק ביי אַ טישל דערנעבן צווישן אַ גרויסער סביבה, מיינעם אַ באַקאַנטן פון וואַרשע: דער האָט זיך שוין, נעבעך, דערוואַרעמט ביז גאָר, און ביים באַגריסן זיך מיט מיר פאַרגעסט ער צו דערלאַנגען די האַנט, נאָר קריכט גלייך פאַר זיך צו דער „בוזיע"; אַזוי גליקלעך איז ער, וואָס ער איז בשלום קיין „מאָרסקיע אָקאָ" אָנגעקומען...

אַ חרפה פאַר לייטן! — מען מוז דאָך פאָרט אַ בליק וואַרפן אויף דעם וואונדער, וואָס מען לויפט זיך דאָ צוזאַמען קוקן... אַ שאָד אַפילו אַרויסצוגיין פון דער וואַרעמקייט, נאָר נישטאָ קיין ברירה! —

●

אַ מין ריזיקער ספּאָרט-פּלאַץ, אַ סטאַדיאָן, באַדעקט מיט פרישן, אומבאַרירטן שניי: אַ פאַרבלענדניש צו קוקן! אָט אונטער דעם שניי זאָל דאָס זיין דאָס וואַסער, דאָס באַרימטע „מאָרסקיע אָקאָ"; אַזוי דערקלערט מען אונז. „קומט אַהער זומער, וועט איר זען דאָס גאַנצע וואַסער" — זענען מיר מסביר די גוראַלעס — „בלוי ווי דער הימל", „זעכציק מעטער די טיף"...

— יאָ, אם ירצה השם, באַלד נאָך ראש-חודש אייר בענטשן...

●

דער עיקר, קומט אויס, איז דאָס שטרעבן, נישט דאָס דערגרייכן. נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דער אַלטער כלל...

ס'ווערט קילער; דער עולם דערמאָנט זיך, אַז ס'איז שוין צייט „צוריקצושטרעבן". דער וועג צוריק איז שוין בלויז אַן אָפּקומעניש און מען וואָלט אים גערן וואָס שנעלער פּטור געוואָרן.

נישטאָ שוין דער חשק און דער פאָרגעפיל פון עמאָציעס, מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן באַרג-אַרויף; יעצט פאָרן מיר ממש באַרג-אַראָפּ, שנעלער און אימפּעטיקער: די פערד רייסן און די גוראַלעס... אַלע ביז איינעם זענען זיי בגילופין; זיי פלאַפּלען פון וועג, מיר האָבן אָבער אויך מורא, אַז זיי זאָלן דעם שליטן נישט אַראָפּקירעווען פון וועג. די שרעק איז אָבער איבערגעטריבן. שכור איז ער טאַקע, נאָר דעם וועג קען ער, און נישט נאָר ער, נאָר אַפילו זיין פערדל... אַ ווײַלע פאָרן מיר שטיל, באַשעפטיקט מיטן געדאַנק פון קפיצת-הדרך און באַזאָרגט מיט דעם, וואָס דער וועג איז שמאָל און משופּע, דער גוראַל איז שכור און דער אָפּגרונט איז נאָענט, מיט דער האַנט צו דערגרייכן... נאָר אָט צולאָזט אונזער גוראַל די צונג און הויבט אָן צו ווײַלן די געזעלשאַפט: דערציילט מעשיות, וויצן, גייט איבער אויף פערזענלעכעס, לאַכט, שאָקלט זיך בעת מעשה אויף די פיס, לויפט אונטער, שרייט אויפן גאַנצן קול און. . . שאַפט שטימונג. דער עולם ווערט הייטערער, דער גוראַל נעמט איבער די לייטונג איבער דעם געשפּרעך און ווענדט זיך פּלוצים צו מיר מיט אַ פאָרוואורף, וואָס איך פאָר אין געזעלשאַפט פון אַזעלכע שיינע פריילינס און קאָן איינזיצן אַזוי גלייכגילטיק...

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אונזער גוראַל איז גוט באַהאַוונט אין הלכות-פלירט: ער שענקט יעצט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט די דאַמען און איז גאָר נתפעל פון זייער שיינקייט און עלעגאַנץ: צו מיר און אַנדערע יונגעלייט האָט ער אַלץ די זעלבע טענה, פאַרוואָס מיר זענען אָן פייער. אינמיטן האַקט ער זיך אַליין איבער די רייד און דערקלערט פאַטעטיש און מיט שטאָלץ, אַז זיין נאָמען איז גאַליצאַ, אַז ער איז אַן עכטער, געבוירענער זאַקאָפּאַנער, נישט קיין „פאַרשלעפטער" און אַז ער האָט אַ קרוב אַ גענעראַל...

מיר נעמען אויף מיט רעספּעקט זיין יחוס-בריוו און מאַכן אים אויפמערקזאַם, אַז ס'איז שוין גוט פינסטער און מען מוז צואיילן.

אַ מענגע פייערלעך באַווייזט זיך פּלוצים אונטן אין טאָל:

— זאַקאָפּאַנע! —

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר שוין אויפן אָרט; דער „קיעראָווניק" ציילט אונז איבער, קיינער פעלט נישט.

חברה פאַלט מיט געפּילדער אַריין אין שטוב מען וואַרפט זיך צו די אויוונס, צום טיש: דער אַפּעטיט איז איין לשעיר!

„Mimoza“ a giewont. W mroźny ranek wycieczka Z. T. K. wybiéra się tłumnie. Do „Morskiego Oka“. Nasi górale i ich konie. Sabała. Duma o Janosiku i zbójnikach. Pieśń o górach. Nad wodospadem Mickiewicza. Właściwe „Morskie Oko„. Do Domu. Kuzyn generała Galycy.

ד"ר י. לייפּונער

Dr. J. Lejpuner

# מיין רייזע קיין ארץ-ישראל, עגיפּטן און איטאַליע

# Moja podróz do Palestyny, Egiptu i Włoch

## ג.

דרויסן האָט געגאָסן אַ שטאַרקער, אומאויפהערלעכער רעגן. איך מיט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס זענען קיין בוקאַרעשט נישט געפאָרן, זענען אַוועק אין שטאָט אַריין (אין בוזעאָ), וואו מיר האָבן מיט מי אויפגעזוכט עפּעס אַ יידישע אכסניה. די בעל-הביתטע — די „שוואַרצע בעטטי" האָט אונז מכבד געווען מיט אַ ריין יידישן מיטאָג. מיר האָבן זיך פּשוט מחיה געווען נאָך צוויי טעג הונגער. די „שוואַרצע בעטטי" איז אַ אינטערעסאַנטע פּערזאָן. זי איז נישט אַזוי שיין, ווי שוואַרץ. שטאַמען שטאַמט זי ערגעץ וואו פון רוסלאַנד (איך געדענק שוין נישט פון וואַנען), זי איז אַן אַלמנה און דערנערט זיך קוים-קוים מיט פירן אַ כשרה גאָר-קיך. זי איז געוואָרן אינגאַנצן אויפגעמונטערט פון אונזערע וויצן און יידישפאָלקסטימלעכע גלייכווערטלעך; זי האָט אָפּגעלאַכט ווייל, זאָגט זי, ביי אונז האָט אַ ייד מורא צו לאַכן, ער האָט מורא זיך צו וויצלען...

נאָכן מיטאָג זענען מיר אַרויס אין גאַס און גענומען זיך צוקוקן צום יידישן לעבן אין רומעניע. מיר זענען אַריין אין אַ געוועלב מיט אַ יידישן שילד, אין אַ צווייט, מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דער לאַגע פון יידן אין רומעניע... אַ טויטע שטילקייט איז געווען אַ תשובה אויף אונזערע פראַגן און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל יעדער רומענישער ייד האָט מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען, ער האָט געציטערט פאַר יעדן בליק, ער האָט מורא געהאַט, אַז עמיצער זאָל נישט זען, אַז נעבן אים שטייט אַ אויסלענדער און דערצו נאָך אַן אויסלענדישער ייד... אָ! אָ! די אַלטע צייטן זענען מיר געקומען אויפן זכרון! די בילדער פון דער וועלט-מלחמה, בעת וועלכער איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן אין רומעניען, זענען מיר נאָענט, בולט אויפגעשוואומען. שוין דעמאָלט האָט מען דאָרטן יידן פאַרפאָלגט און געפּייניקט, שוין דעמאָלט האָבן זיי געציטערט אַ פּיפּס צו טון. און איצט האָבן מיר דערהערט האַלבע ווערטער, אַז נאָר וואָס איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין פּאָקשאַן, וואו רומענישע סטודענטן האָבן זיך אַביסל דורכגעשפּאַצירט דורך יידישע געוועלבער און הייזער... מיר האָבן שוין אַליין מער נישט געוואָלט רעדן מיט די רומענישע יידן, מיר האָבן נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן צוליב אונז האָבן עגמת-נפש און מיר זענען אין אַ געדריקטער שטימונג צוריק אַוועק צום וואָקזאַל.

מיר האָבן שוין געוואָלט וואָס שנעלער אַרויס פון רומעניע; די רומענישע לופט האָט אונז געשטיקט. און דאָ קענען מיר זיך פונם וואָקזאַל נישט ריהרן, מיר מוזן נאָך וואַרטן אויף אַ צוג. מיר האָבן אונזערע זאַכן איבערגעטראָגן אין דעם איינציקן וואַגאָן, וואָס גייט דירעקט וואַרשע—קאָנסטאַנציע; עס איז אין דעם וואַגאָן געוואָרן אַזוי ענג, אַז מען האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט אַ דריי טאָן. מיר האָבן אָבער מוטיק אַריבערגעטראָגן אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן אין דער פולער האָפנונג, אז אונז דערוואַרט עטוואָס זייער אָנגענעמעס, ד. ה. ארץ-ישראל.

ענדלעך שוין אַרום 8־אַ זייגער אין אָוונט האָט מען אונזער „וואַרשעווער" וואַגאָן צוגעטשעפּעט צו אַ צוג, און מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט. אָפּגעפאָרן אין דחקות, אין אַ געפּרעסטער לופט אַ שעה צוויי, זענען מיר געבליבן שטיין אויף אַ סטאַציע פּלאָעשטי. מיר שטייען אַ האַלבע שעה, אַ שעה, אין דרויסן רעגנט — איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ פונם פענסטער, איך הויב אָן צו שרייען און רופן דעם „שעפּול" פון דער סטאַציע אָבער... אין קול ואין עונה. . . עס גייט אַריבער נאָך אַ האַלבע שעה... מיר שטייען נאָך אַלץ... איך קריך אַרויס פון וואַגאָ, גיי צו צו דער סטאַציע, אָבער קיינער וויל מיר נישט געבן קיין תשובה, פאַרוואָס דער צוג אונזערער שטייט? דאָס געדולד האָט גענומען פּלאַצן. גייענדיק צוריק פון דער סטאַציע, באַמערק איך, אַז אונזער צוג איז צוזאַמענגעבונדן מיט נאָך אַ צוג, וועלכער איז געווען העל באַלויכטן. בלויז פון נייגיריקייט, גיי איך אַריין אין א וואַגאָן צווייטער קלאַס און... פּלוצים... ששון ושמחה! איך האָב דערזען די פון אונזערע באַקאַנטע, וואָס זענען אַוועקגעפאָרן דירעקט קיין בוקאַרעשט און איצט פאָרן זיי קיין קאָנסטאַנציע. דאָ איז געווען ד"ר ג..ם, פּראָפ. ש—ר, אַדוואָקאַט סט..

און אַנדערע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוליב עפּעס אַ סיבה שטייען מיר דאָ צוזאַמען אויף דער ליניע און וועלן צוזאַמען אָפּפאָרן. איך בין שוין מיט מיין פרוי פאַרבליבן צוזאַמען מיט אונזערע פריינט און די זאַכן אונזערע האָבן מיר געלאָזן אין דעם וואַרשאָווער וואַגאָן.

מיר פאָרן דורך דער דאָבּבּודזשאַ. אָט דאָ בין איך אויסגעריסן געוואָרן בעת דער וועלט-מלחמה. מיר פאָרן דורך די סטאַציעס הירשאָוואַ, טשערנאָוואָדאַ, מעדזשידיאַ, מוטאָפלאַר, באַקאַנטע מקומות מיט שווערע ערינערונגען...

בעת דער וועלט־מלחמה האָב איך אַבסאָלוט נישט געטראַכט, אַז ס׳וועט מיר אויסקומען דאָ נאָכאַמאָל צו זיין!

אַרום 12 אַ זייגער באַנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנציאַ, אויף דעם קאָנסטאַנציער וואָקזאַל איז מיר באַקאָנט: די זעלבע פינסטערניש, שמוץ, ווי מיט 8 יאָר צוריק — עס האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט...

דאָ האָט אָבער ווייטער פּאַסירט אַ סיבה; דער וואַרשעווער וואַגאָן, וואו ס׳זענען געווען, — ווי איך האָב עס שוין פריער דערמאָנט — מיינע זאַכן, האָט מען נישט ווייט פון קאָנסטאַנציע אָפּגעטשעפּעט און ער איז אַוועק אין פּאָרט... איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן אַהין און אַהער, צום סטאַציאָנס־שעף און אַזוי ווייטער — קיינער האָט מיר אָבער נישט געקאָנט געגוי זאָגן, וואו דער וואַגאָן איז און ווען ער וועט געבראַכט ווערן אַהערצו. באין-ברירה האָב איך אָפּגעפירט מיין פרוי אין האָטעל, און אַליין בין איך תיכף צוריק געפאָרן צום וואָקזאַל, און דאָ בין איך אויפן גאָס־רעגן פאַרשוואַרצט געוואָרן, וואַרטנדיק, ביז 4 אַ זייגער פאַרטאָג, ווען ס׳האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ צוג, וואָס האָט מיטגעבראַכט אונזער וואַגאָן. אַרום 5 פאַרטאָג, ביז איך געהאַט ענדלעך די מעגלעכקייט זיך אַביסל אויסצורוען. איינשלאָפן אָבער האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט.

(המשך קומט)

1) Miasto Buzeo 2) Ponury nastrój żydów rumuńskich 3) Wspomienia z czasów wojny światowej 4) Przygoda z odczepionym wagonem 5) Konstanzja.

שאַפט איז דער פּראָווינץ אָפּטיילונגען
פון דער
יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד = וויסנשאַפט
Zakładajcie na prowincji
oddziały
Żydowskiego Towarzystwo Krajoznawczego

„Artystyczne Zdobnictwo"
F. EJCHARD, Warszawa
Senatorska 28/30, m. 22.
DEKORACJE WNĘTRZ.
MAKATY JAPONSKIE,
CHIŃSKIE, EKRANY
PARAWANY—PODUSZKI
:: :: :: SZALE :: :: ::
Rysunki do Haftów
:: Powiększenie Wzorów ::

Korzystajcie z najtańszego
ŻRÓDŁA KUPNA
w perfumerjach i Składach Aptecznych
B. i Sz. DUBROWICZ
1) Pawia 19 róg Więziennej tel. 234-24.
2) Miła 55 róg Lubeekiego tel. 179.84.
Wielki wybór towarów krajowych
i zagranicznych.

# אינטערנאציאָנאלע פּרעסע=אויסשטעלונג איז קעלן

## Międzynarodowa wystawa-prasowa w Kolonji



Gmach wystawy z wieżą 85 mtr. wys.— די געביירע מיטן טורעם 85 מעטר הויך



Restauracja wystawy nad Renem — דער רעסטאָראַן פון דער אויסשטעלונג ביים רהיין

# פון רעדאַקציע

דער קומענדיקער נומער „לאַנד און לעבן״ וואָס וועט דערשיינען אין אָנהויב מאַי, וועט געווידמעט זיין די זומער-וואוינונגען און קור-אָרטן אין פוילן.

דער נומער וועט זיין רייך אילוסטרירט און וועט ענטהאַלטן אַרטיקלען פון באַקאַנטע שריפטשטעלער, ווי אויך אינפאָרמאַציעס וועגן זומער-וואוינונגען.

דער נומער וועט דערשיינען אין אַ גרעסערער אויפלאַגע און וועט פאַרשפרייט ווערן צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

די אייגנטימער פון פענסיאָנאַטן, הייל-אַנשטאַלטן און ווילעס ווערן געבעטן אונז צוצושיקן אינפאָרמאַציון מאַטעריאַל ווי אויך, פּאַסיקע פאָטאָגראַפיעס.

דאָס מאַטעריאַל מוז צוגעשטעלט ווערן ביזן 25-טן אַפּריל. מיט אָנפראַגן ווענדן זיך: וואַרשע, אָגראָדאָווע 8a. טעלעפאָניש: 234-24 און 9-2.

# Od Wydawnictwa

Następny numer „Land un Lebn" który ukaze się w początkach Maja, poświęcony będzie letniskom I kurortom w Polsce. Numer bogato ilustrowany zawierać bębzie artykuły pióra wybitnych pisarzy, jak również informacje o letniskach. Numer ten ukaże się w większym nakładzie i będzie rozpowszechniany wśród szerokich warstw społeczentwa Żydowskiego.

Właściciele Pensjonatów, Zakładów leczn. i Willy, proszeni sę o przysyłanie nam materjału informacyjnego jak rónież odpowiednich fotografyj.

Materjał winien być dostarczony do 25-ego Kwietnia.

Z zapytaniami zwracać się: Warszawa Ogrodowa 8a.

Telefonicznie 234-24 od 9—2 p. p.

**KRAJOWA WYTWÓRNIA**
**ANODOWYCH BBTERJI KIESZONKOWYCH**
oraz
Latarek Elektrycznych, KieszonkoWych i Żarówek
— Poleca firma —
**„DYNAMO" I. LICHTENBERG**
Warszawa, Dzika 10.
Telefon 216-43.

Gabinety Lekarsko - Dentystyczny
**Lekarz D-ta Ł. LEWIN**
Warszawa, Dzika 13.
I piętro front. Telefon 263=39.

Chirurgja jamy ustnej, leczenie
i plombowanie.

Złoty medal



Paris GRAND PRIX 1927
Fac-Simile des Récompenses

Laboratorjum zębów sztucznych
wszelkich systemów
w złocie, platynie, białym złocie
oraz kauczuku.
**A. LEWIN**
Warszawa, Dzika 13.
Telefon 263=39. I piętro front.

**ספּאָרט-**
**מכשירים**
פאַר אַלערליי
**שפּילן און ספּאָרטן**
ווי:
טעניס,
פוטבאָל,
לייכטאַטלעטיק,
טוריסטיק א. א.
עמפּפעלט אַמביליקסטן די פירמע
**„סטאַדיאָן"**
וואַרשע,
קרולעווסקאַ 31 און לעשנאָ 19
טעלעפאָן 155-41, 155-81. פ. ק אָ. 5.368
פרייז-קוראַנט — אויף פאָדערונג

**Absoiwent** Wzdziału Filozoficznago
(Filologja) Uniwersytetu Warszawskiego
**udziela lekcje łaciny**
Informacje tel. 166-25.

# Kronika Krajoznawcza

# לאַנדוויסנשאַפטלעכע כראָניק

## Centralna Rada Turystyki międzynarodowej

W r. 1925 z iniciatywy Francji powstała instytucja pod nazwą „Conseil Central du Tourisme international" (Międzynarodowa Centralna Rada Turystyczna) mająca siedzibę w Paryżu. Polska należy do Rady od początku jej powstania. Członkami jej są: Ministerstwo Robót Publicznych, Autmobil klub Polski i Polski Touring Klub, a w najbliższym czasie ma do niej przystąpić Polskie Towarzystwo Tatrzańskie. W Radzie z ramieniu Polski, zasiadają stale: Wiceminister handlu Doleżal i inż. R. Minchajmer.—Naczelnik wydziału Min. rob. publ. Do tej organizacji należy 30 państw różnych części świata, kilkanaście touring klubów, automobilklubów i kilka międzynarodowych zrzeszeń tego rodzaju jak Alliance Internationale du Tuorisme (Związek międzynarodowej Turystyki), Międzynarodowa Unja Kolei Żelaznych, Międzynarodowa Izba Handlowa.

Rada ma na celu połączenie działalności zarówno rządów jak i organizacyj społecznych w kierunku ułatwienia międzynarodowej turystyki.

Ziazdy Rady dotychczas odbywały się corocznie jesienią w Paryżu, a podjęte w ubiegłym roku usiłowania odbycia tegorocznego zjazdu w Krakowie nie udały się, gdyż oddany przeciwko Polsce głos delegata Monaco zrównoważył (wobec dość dziwnej ordynacji Rady) oddany za Polską, głos delegata Wielkiej Brytanji.

Niedawno odbyło się w Paryżu doroczne zebranie Rady.

Najbliższy zjazd odbędie w jesieni 1928 roku w Brukseli.

## Maksymalne chyżości kolei żelaz. na ważniejszych linjach eurazjatyckich

Maksymalne chyżości kolei żelaznej na ważniejszych linjach eurazjatyckich. Londyn — Plymouth 93—96 km/godz., Paryż—Calais 94, Berlin—Hamburg 84, Wiedeń — Salzburg 72, Mediolan — Bolonia 67, S. Sebastiano — Madryd 57, Malmö—Stokholm 57, Moskwa — Petersburg 59 — 63,Omsk Irkuck 42 — 45, Sofia — Konstantynopol 38 — 45, Chabarowsk — Władywostok 34.

(Wiad. gieograficzna)

## דער צענטראַל־ראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טוריסטיק

אין יאָר 1925 איז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פראַנקרייך אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „אינטערנאַציאָנאַלער טוריסטישער צענטראַל-ראַט" וואָס געפינט זיך אין פאַריז. פוילן געהער צום ראַט פון אָנהויב פון זיין אַנטשטיין, די פוילישע מיטגלידער זענען: דאָס מיניסטעריום פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, דער אויטאָמאָביל קלוב, דער טורינג-קלוב, און אינגיכן דאַרף אויך צום ראַט געהערן די פוילישע טאַטרען-געזעלשאַפט.

פון פוילן זענען אין ראַט שטענדיק פאַרטרעטן, דער וויצע-האַנדלס-מיניסטער דאָלעזשאַל און אינזש. מינכיימער דער נאַטשעלניק פון דער אָפטיילונג ביים מיניסטעריום פאַר עפנטלעכע אַרבעטן.

צו דער אָרגאַניזאַציע געהערן 30 מלוכות פון פאַרשידענע וועלט-טיילן, אַריבער צען טורינג-קלובן, אויטאָמאָביל-קלובן און עטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן ווי דער „פאַריין פון אינטערנאַציאָנאַלער טוריסטיק", אינטערנאַציאָנאַלע אייזנבאַן-געזעלשאַפט, און די אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס-קאַמער.

דער ראַט האָט אַלס ציל דאָס פאַראייניקן די טעטיקייט פון פאַרשידענע מלוכות און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אויפן געביט פון פאַרלייכטערן די אינטערנאַציאָנאַלע טוריסטיק.

די צוזאַמענפאָרן פון זענען ביז איצט פאָרגעקומען יעדעס יאָר האַרבסט-צייט אין פאַריז און די באַמיונגען וואָס זענען אין פאַרגאַנגענעם יאָר געמאַכט געוואָרן אַז דער היי־יעריקער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין קראָקע, איז נישט געלונגען. ווייל די שטים וואָס דער דעלעגאַט פון מאָנאַקאָ האָט אָפּגעגעבן קעגן פוילן האָט גלייכגעוואויגן די שטים וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר פוילן, דורכן דעלעגאַט פון גרויס־בריטאַניע.

ערשט נישט לאַנג איז אין פאַריז פאָרגעקומען די יערלעכע פאַרזאַמלונג פונם ראַט.

דער נאָנטסטער צוזאַמענפאָר וועט פאָרקומען האַרבסט-צייט 1928 אין ברוקסעליע.

## מאַקסימאַלע שנעלקייט פון די אייזנבאַנען אויף די וויכטיקסטע עאוראַזיאַטישע ליניעס

לאָנדאָן—פלימוט פון 93—96 קלמ. א שעה; פאַריז—סאַלע 94, בערלין—האַמבורג 84, ווין—זאַלצבורג 72, מעציאָלאַן—באָלאָניא 67; ס. סבאַסטיאַנאָ—מאַדריד 57, מאַלמע—שטאָקהאָלם 57; מאָסקווע—פעטערסבורג 59—63; אָמסק—יאַרקוצק 42—45; סאָפיא—קאָנסטאַנטינאָפּאָל 38—45; כאַראַבאָווסק—וולאַדיוואָסטאָק 34.

(„געאָגראַפישע ידיעות")

## Wozem motorowym z Krakowa do Zakopanego

W krótce uruchomione zostaną wozy motorowe na linji kolejowej, Kraków—Zakopane.

Czas jazdy między Krakowem a Zakopanem wynosi 3 godz. 20 minut t. j. o półtory godz. krócej jak pociągiem pospiesznym, co dla ruchu turystycznego będzie nad wyraz dogodnie (cz)

## מיט א מאָטאָר=וואָגן פון קראָקע קיין זאַקאָפּאַנע

אינגיכן וועלן אָנהייבן קורסירן מאָטאָר-וואָגנס אויף דער באַן-ליניע קראָקע-זאַקאָפּאַנע.

דאָס פאָרן פון קראָקע קיין זאַקאָפּאַנע וועט דויערן 3 שעה מיט 20 מינוט ד. ה. מיט אנדערהאַלבן שעה וויניקער ווי מיטן קוריער. דאָס וועט פאַר דער טוריסטישער באַוועגונג האָבן א קאָלאָסאַלע באַדייטונג (טש.)

# וואַרשעווער אָפּט. פון דער ייד. געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויזטשאַפט

(די טעטיקייט פונ'דער אָפּטיילונג פון פעברואַר ביז אַפּריל)

# Oddział Warszawski Ż. T. K.

(Działalność oddziału od Lutego do Kwietnia)

**Sekcja artystyczna** zorganizowała następujące wycieczki:

4/II Na wystawę „Grafiki Polskiej". Nowy-Świat 19 (osób 5)

5/II Na Stare-Miasto (osób 24).

10/III Do ateljer znanego malarza żyd. P. M. Eljówicza (osób 13) Sekcja artystyczne z Panną Ajchertównę na czele przstąpila bo udekorowania Sali odczytowej w Klubie Ż. T. K.

**Sekcja medycyny i hygjeny społecznej** zorganizowała odczyt Ławnika m. Warszawy P. D-ra Z. Bychowskiego na t. „Życie i Śmierć w przyszłości".

**Sekcja etnograficzna**

17/III Do działu etnograficznego muzeun przemysłu i rolnictwa (osób 28). Sekcja ta zorganizowała również odczyt Pana M. Lotermana n. t. „Muzeum etnograficzne".

### Wieczór purymowy

Staraniem Sekcji Etnograficznej odbył się „Wieczór Purymowy" który zostawił niezatarte wrażenie

Po zagajeniu wieczoru przez prezesa towarzystwa P. Al. Dubrowicza, P. Seidengart wygłosił referat o pierwiastkach pogańskich w purymie...

K. Frydman odczytał dowcipną „Megiłę" którą przyjęto entuzjastycznie.

W drugiej części programu recytowano odpowiednie utwory Pereca, Nadira i Tunkielera przy winie i „humentaszów" zebrani spędzili mile i wesoło.

### די קינסטלערישע סעקציע

האָט איינגעאָרדנט פאָלגענדע אויספלוגן:

4/II אויף דער אויסשטעלונג פון פּוילישער גראַפיק נייע-וועלט 19 (5 פּערזאָן).

5/II אויף אַלטשטאָט (24 פּערזאָן).

10/III אין אַטעליע פון באַקאַנטן ייד. מאָלער מ. על-יאָוויטש (13 פּערזאָן).

די קינסטלערישע סעקציע מיט פריילין אייכערט אין דער שפּיץ, איז צוגעטרעטן צו דעקאָרירן דעם לעזע-זאַל און קלוב פון דער געזעלשאַפט.

סעקציע פאַר מעדיצין און געזעלשאַפטלעכע היגיענע האָט אַראַנזשירט א פאָרלעזונג פון לאַוו. ניק ד"ר ביכאָווסקי א. ד. ט. „לעבן און טויט אין דער צוקונפט".

### עטנאָגראַפישע סעקציע

17/III אין דער עטנאָגראַפישער אָפּטיילונג ביים מלוכהשן מוזעאום פון אינדוסטרי און ערד-אַרבעט (28 פּערזאָן) די סעקציע האָט אויך איינגעאָרדנט א פאָרלעזונג פון מ. לאָטערמאַן א. ד. ט. „עטנאָגראַפיש מוזעאום".

### פורים-אָוונט

דער פורים-אָוונט, וואָס די עטנאָגראַפישע סעקציע האָט איינגעאָרדנט, איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

נאָכן עפענען דעם אָוונט פון פּרעזעס א. אַל. דובראָוויטש, האָט א. זיידענגאַרט געהאַלטן א פאָרטראָג א. ד. ט. „די היידנישע שורשים און פורים". דער ח' פרידמאַן האָט געלייענט א הומאָריסטישע מגילה אויף דער געזעלשאַפט, וועלכע איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן.

אין דער צווייטער טייל פון אָוונט האָט מען רעציטירט צוגעפּאַסטע שאַפונגען פון פּרץ, נאַדיר און טונקעלער.

ביי וויין און המן-טאַשן האָבן די פאַרזאַמלטע פריילעך פאַרבראַכט דעם אָוונט.

stępstwie zaś język jednolity korzystnie wpłynąłby na podniesienie oświaty w Sudanie.

Podziwu godnym jest fakt, z jakim uczeni europejscy uwzględniają właściwości życiowe tubylców, wysubtelniając swe metody z niesłychaną delikatnością. W artykule „Sprache und Volkstum" Carl Meinhof ostrzega „kulturtraegerów" przed najmniejszem gwałceniem Afrykanina pod względem językowym: język tubylców winien być z całym pietyzmem uszanowany, ba! — należy go nawet pielęgnować i rozwijać, zaś języki europejskie mogą być tubylcom podsuwane jedynie z zachowaniem największej ogl ędności, wszelka bowiem nieostrożność w tym względzie, jakoto forsowne narzucanie mowy obcej, może się tylko zgubnie odbić na umysłowości wychowańców, przytępiając ją przez absorbowanie obcem narzędziem językowem. Myśl tę wypowiedział w pięknych słowach minister kolonij angielskich Amery na zebraniu inauguracyjnem Instytutu w czerwcu 1926, nawołując twórców Instytutu do przestrzegania pod tym względem najdalej idącego liberalizmu.

Analogiczna tendencja przebija w artykule R. Sutherlanda w związku z zadaniami misji chrześcijańskiej. „Palącą koniecznością jest, cytuje autor, aby wiara nasza była Afrykanom demonstrowana nie jako przeciwstawienie, lecz jako uzupełnienie ich własnych aspiracyj."

Na treść numeru składają się poza wymienionemi: artykuł programowy Lugarda — o celach i zamiarach Instytutu; ciekawą i nadającą się do oceny specjalnej jest obszerna i con amore potraktowana rozprawa Hornbostla o muzyce afrykańskiej; pobieżny lecz trafny szkic o prawie klanowem Murzynów daje J. H. Driberg. Niepospolicie ciekawy i, rzekłbym, sensacyjny jest artykuł Laboureta i Travèlè'go o teatrze Murzynów sudańskich. Prymitywne poczynania teatralne Mórzynów uderzają swą trafnością w podchwytywaniu szczegółów życiowych, odtwarzaniu codziennych obrazków, a przedewszystkiem w uwydatnianiu słabostek ludzkich z sutą zaprawą satyry. Zalotna kobieta, przypinająca mężowi rogi, chełpliwy tchórz, sprytny rzezimieszek, megiera — czarownica, pożerająca swoje ofiary — oto postacie, cieszące się popularnością u publiczności sudańskiej; nasuwa się analogja włoskiej opera buffa; autorowie dopatrują się nawet podobieństwa do ateńskiej komedji Arystofanesa.

Uwagę zwraca umieszczony na koncu zeszytu zbiór, przysłów i maksym afrykańskich; niektóre z nich wyróżniają się swym szczególnym sensem, jak np:

„Łżąc bliźniego swego, zdradzasz kim jesteś."

inne zaś przypominają nam pokrewne aforyzmy nasze:

„Kto pracuje na słońcu, spożywa w cieniu"

„Jedna małpa nie psuje sławy małpiej"

„Bądź ma rację król, bądź też nie ma rację — zawsze ma racj"

„Język twój—lew twój; puść go, a pożre cię."

אין לאָנדאָן דערשיינט אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „אַפריקע" אַרויסגעגעבן דורכן אינטערנאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַרן פאָרשן די אַפריקאַנישע קולטורן און שפּראַכן.

אין זער אָפּהאַנדלונג ווערט געגעבן אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער די אַרטיקלען וועלכע געפינען זיך אין דער אויסגאַבע.

**Sekcja przemysłowo-techniczna**

19/II Do oddziału Straży ogniowej na Nalewkach (osób 31).

25/II Do Radjostacji w Babicah (osób 34).

18/III Do elektrowni tramwajów (osób 23).

29/III Do fabryki „Puls" (osób 43)

31/III Do muzeum Pocztowo-Telegraficznego (osób 5)

**Sekcja dochodów niestałych** Organizuje co Piątek w Sali Plastyków Polskich Trembacka 10 wieczornice taneczne, celem zasilenia funduszów tow. Wieczornice te cieszą, się wielką frekwencją.

**Przyszłe wycieczki**, Podczas ferji Wielkanocnych odbędą się następujące wycieczki:

1) Do Wilna i Trok, pod kierownictwem P. A. Lotermana na 3 dni.

2) Do Krakowa, pod kierownictwem P. A. Duberowicza. Wycieczka ta potrwa 5 dni i będzie nosiła charakter ekspedycji Literacko-artystycznej.

### סעקציע פאַר אינדוסטרי און טעכניק

19/II צו דער פייערלעשער אָפּטיילונג אויף נאַלעווקעס (31 פערזאָן)

26/2 צו דער ראַדיאָסטאַציע אין באַביץ (34 פערזאָן).

18/3 אין דער טראַמוויי-עלעקטראַוונע (23 פערזאָן).

24/3 אין דער קאָסמעטיק-פאַבריק „פולס" (43 פערזאָן).

31/3 אין מוזעום פון פּאָסט און טעלעגראַף (5 פערזאָן).

### סעקציע פאַר נישט שטענדיקע הכנסות

אָרגאַניזירט יעדן פרייטיק אין זאַל פון די פוילישע פלאַסטיקער טרעמבאַצקא 10 — טאַנץ-אָוונטן, וועלכע ווערן זייער שטאַרק באַזוכט...

### קומענדע אויספלוגן

אין די פסח"טעג ווערן איינגעאָרדנט פאָלגנדע אויספלוגן:

1) קיין ווילנע און טראָק אונטער דער אָנפירונג פון אַ. לאָטערמאַן. דער אויספלוג וועט דויערן 3 טעג.

2) קיין קראָקע אונטער דער אָנפירונג און פון אַל. דובראָוויטש. דער אויספלוג וועט דויערן 5 טעג, וועט טראַגן דעם כאַראַקטער פון אַ ליטעראַריש-קינסטלערישער עקספּעדיציע.

# „LAND un LEBN"

ORGAN

**Żydowskiego T-wa Krajoznawczego.**

# „לאַנד און לעבן"

אָרגאַן

פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-ווייסנשאַפט.

Warszawa, w styczniu 1928 r.

133

## Sz. P.

Nadsyłamy bezpłatnie Sz. P., jako członkowi Żydowskiego Towarzystwa Krajoznawczego, pierwszy numer naszego wydawnictwa.

Pismo to, które będzie wychodziło chwilowo raz na miesiąc, będzie odzwierciadlało w pierwszym rzędzie życie naszego Towarzystwa we wszystkich jego objawach, i będzie roztrząsało zagadnienia, wchodzące w zakres działalności Towarzystwa, jako to: sprawy turystyczne, historyczne, etnograficzne i t. d.

Pismo to będzie zasilane korespondencją nietylko z całej Polski, ale i z zagranicy, dzięki którym to korespondencjom Sz. P. zapozna się z ruchem krajoznawczym naszych bratnich instytucji.

Ruch krajoznawczy znajdzie również swe odbicie w naszem piśmie w postaci ciekawych zdjęć fotograficznych i ilustracji, jak również działu literackiego.

Zdajemy sobie sprawę z trudności w pierwszym rzędzie, materjalnych, jakie napotykamy na drodze do zrealizowania wyżej wymienionych zadań; przystępujemy jednak do wydania drugiego numeru, żywiąc nadzieję, że Sz.P. jako członek Ż. T. K., któremu dobro i cele Towarzystwa bliskie są, będzie popierał pismo nasze „Land un Lebn"

Kto ma się interesować ruchem krajoznawczym, jeżeli nie Sz. P., członek Ż. T. K.

W czyje ręce mamy złożyć organ Żydowskiego Towarzystwa Krajoznawczego, jak nie w ręce Sz. P. członka tegoż Towarzystwa?

Prenumerujcie więc „L a n d u n L e b n"

Werbujcie p r e n u m e r a t ó w wśród najbliższego Waszego otoczenia!

Nadsyłajcie artykuły z dziedziny krajoznawstwa!

Nadsyłajcie uwagi i refleksje, związane z działalnością naszego towarzystwa: specjalne działy, jak wolna trybuna, głosy czytelników, artykuł dyskusyjny — będą te sprawy oświetlały wszechstronnie.

Ogłaszajcie się w „L a n d u n L e b n": ogłaszając się w niem, popieracie tem samem pismo Wasze.

Istnienie jak również poziom pisma zależy od SzP. członka Ż. T. K.

**Redakcja i administracja**
**„LAND UN LEBN"**

**Uwaga:** Następne numery „Land un Lebn" wysyłać będziemy jedynie prenumeratorom pisma.

## ח. ה.

מיר שיקן אייך, ח. ה., אַלס אַ מיטגליד פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-ווייסנשאַפט, דעם ערשטן נומער פון אונזער אויסגאַבע, — ג ר אַ ט י ס.

די צייטשריפט, וועלכע דערשיינט צייטווייליג נאר איין מאָל מאָנאַטלעך, וועט זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן פון אונזער געזעלשאַפט אין אַלע זיינע געביטן און וועט באַהאַנדלען פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט די טעטיקייט פון אונזער געזעלשאַפט ווי: טוריסטישע, היסטאָרישע, עטנאָגראַפישע א. א. וו.

די צייטשריפט וועט זיין באַרייכט מיט קאָרעספּאָנדענץ פון פּוילן, ווי אויך פון אויסלאַנד, אַדאַנק וועלכער איר וועט זיך באַקענען מיט די לאַנד-ווייסנשאַפטלעכע באַוועגונג פון אונזערע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס. די לאַנד-ווייסנשאַפטלעכע באַוועגונג וועט אויך געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אונזער צייטשריפט אין געשטאַלט פון אינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען און אילוסטראַציעס, ווי אויך פון אַ ספּעציעלן ליטעראַרישן טייל.

מיר געבן זיך אָפּ אַ רעכנונג פון די שוועריקייטן, אין ערשטן ריי, פון די מאַטעריעלע, וועלכע מיר טרעפן אָן ביים רעאַליזירן די אויבן דערמאָנטע צילן; מיר טרעטן אָבער צו ארויסגעבן דעם צווייטן נומער, האָפנדיק, אז איר, אַלס אַ מיטגליד פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר ל.-וו., וועלכער אינטערעסירט זיך מיט די צילן און מיטן לעבן פון אונזער געזעלשאַפט, אַז איר וועט אונטערשטיצן אונזער אויסגאַבע „ל אַ נ ד און ל ע ב ן".

ווער דאַרף זיך אינטערעסירן מיט די לאַנד-ווייסנשאַפטלעכע באַוועגונג, אויב נישט איר, אַ מיטגליד פון דער ייד. געז. פאַר ל.-וו.?

אין וועמענס הענד דאַרפ'ן מיר געבן דעם אָרגאַן פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-ווייסנשאַפט, אויב נישט אין אייערע?

אַבאָנירט דערפאַר אונזער צייטשריפט „לאַנד און לעבן"!

שאַפט אַבאָנענטן פאַר אונזער צ י י ט ש ר י פ ט צווישן אייערע באַקאַנטע און פריינד!

שיקט אַריין אַרטיקלען וועגן לאַנד-ווייסנשאַפט אין אַלע זיינע געביטן!

שיקט אַריין באַמערקונגען און אָנווייזונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט דער טעטיקייט פון אונזער געזעלשאַפט: ספּעציעלע רובריקן, ווי פרייע טריבונע, שטימען פון לעזער, דיסקוסיאָנס-אַרטיקל — וועלן די פראַגן באַלייכטן אַלזייטיק.

אַנאָנסירט אייך אין „לאַנד און לעבן": איר שטיצט דערמיט אונטער אייער צייטשריפט.

דאָס עקזיסטירן ווי אויך די ניוואָ פון „לאַנד און לעבן" איז אָפּהענגיק נאָר פון אייך, חשובער הער, מיטגליד פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-ווייסנשאַפט.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע

**„לאַנד און לעבן".**

**באַמערקונג:**

דעם צווייטן נומער „לאַנד און לעבן" וועלן מיר אַריינשיקן נאָר אַבאָנענטן.

Druk „OAZIS" Warszawa, Nowolipie 22